# דער מילכיגער טשאָלענט.

חשה איז אַמאָל געווען אַ שענע בעל-הבית'טע אין קלע-מענקע; קיין גביר'טע, אַפילו קיין נגידה איז זי קיינמאָל ניט געווען, נאָר קיין אָרימע אויך ניט; איהר מאַן חיים בערעס איז געווען אַ הענדלער פון כל התבואות: פון ווייץ, קאָרען, האָבער, גערש-טען, גריקע, באָב און אַרבעס און אַמאָל אויך פון טרוקענע יאַגדעס און שוועמליך; אין שטעדטיל פלעגט מען זאָגען: חיים בערעס וויל איינעהמען די גאַנצע וועלט... צי פלעגט ער פערדינען צי ניט, האָט ער קיינמאָל ניט געוואוסט; אַז מען פלעגט איהם ווען פרעגען: „וואָס מאַכט איהר ר' חיים? ווי געהט עס אייך?" פלעגט ער נאָר ענטפערען: עט, אַ דאַנק גאָט — „עס רודלעט זיך". און דאָס „רודלען זיך" איז אַ גוטער סימן, אַז מען איז „תקיף אין מעמד".

און אָט דאַמאָלס בשעת עס האָט זיך גערודעלט איז חשה געווען „אַ שענע בעל-הבית'טע". דעם ערשטען חלק פלייש פלעגט אין יאַטקע בעקומען חשה; און אַז זי פלעגט אַמאָל קיין צייט ניט האָבען צו קומען דאָנערשטאָג אין יאַטקע פלעגט די קצב'טע איהר אַליין ברענגען אין שטוב אַריין, וואָס ניט יעדער בעל-הבית'טע איז דערצו זוכה, ווי די קצב'טע פלעגט אַליין זאָגען:

— מאָגט איהר מיר גלויבען, חשינקע, אַז חוץ פייגע-לאה'ן טראָג איך אין שטוב קיינעם ניט אַריין קיין פלייש, ניט דערלעבען וועט ביי מיר זעלדע ריבה'ס צו חייטשע וועלוועלס, איך זאָל זיי אין שטוב טראָגען.

אברהם רייזען.

און השה׳ן פלעגט עס זעהר הנאה טהון, וואָס מעהר נישט ווי פיינע־לאה׳ן און איהר טראָגט מען אין שטוב אריין. אַ שפּאַס פיינע־לאה׳ן, די ערשטע גבירה׳טע אין שטעדטיל!

אויסער דעם איז השה׳ן געווען צו דערקענען פאַר אַ „שענע בעל־הבית׳טע אין „צדקה״. „אַ שפּאַס איהר צדקה! פלעגען די שטעדטילשע שטענדיגע גבאי׳טעס זאָגען — די קלענסטע נדבה איז ביי איהר אַ קאָפּיקע! אַ גראָשען — חלילה! עט זי קיינמאָל ניט געבען. און צדקה שטעהט זי שוין העכער פאַר דער גביר׳טע פיינע־לאה׳ן — יענע איז טאַקי איין אמת׳ע חזיר, אונזערע רעד זאָלען זיך ניט דערגעהן...

און אַזוי האָט זיך חשה געפיהרט איהר גאַנצען לעבען ביז וואַנען עס האָט זיך ביי איהר מאַן חיים בערעס „גערודעלט״.

אָבער „רודלען זיך״ קען אויך ניט אייביג.

ר׳ חיים האָט זיך פּלוצים צוגעשטעלט און „אָנגעזעטצט״...

נאָר ניט מיינט „אַז אין קלעמענקע זעטצט מען אָן ווי אין די גרויסע שטעדט: מען זאַמעלט צונויף אַ פּאָר הונדערט טויזענד רובעל, מען מעלדעט באַנקראָט, מען רוקט זיך אָב אַ פּאָר חדשים אין די מרחקים און נאָכהער קומט מען צוריק און מען ווערט נאָך רייכער? ניין, אין קלעמענקע אַז מען זעטצט אָן איז טאַקי אָנגעזעטצט, שטעלען זיך קען מען שוין קיינמאָל ניט...

אַז ר׳ חיים בערעס וואָלט מיט צעהן יאָהר צוריק מאַכען אַ חשבון וואָלט דאַמאָלס אויך דער „סך הכל״ ניט ווייזען בעסער ווי אין דער צייט, ווען ער האָט געמעלדעט באַנקראָט, נאָר דערויף האָט ער קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט און האָט שטענדיג געקלערט, עס רודעלט זיך זאָל זיך רודלען... אַי וואָס: שפּעטער, נאָכדעם — עס וועט דאָך מוזען פּלאַצען די זייפענבולבע! — עט!

און מיט דעם דאָזיגען „עט״ האָט ר׳ חיים „געצויגען נאָך צעהן יאָהר, און אַז דער „עט״ האָט אָבער אָנגעהויבען דערעסען



ווערען ר׳ חיים׳ס קאָפּ, וועלכער פלעגט שטענדיג געהן ווי מען זאָגט „חאָדאָראָם״ פון לייהען און צאָהלען, האָט ער אויך מיט דערזעלבען „עט״ זיך מישב געווען אַז: עט וואָס ווערט דערפון? מען מוז! פריהער, שפּעטער...

און אויף מאָרגען האָט קלעמענקע געקאָכט:

— וואָס זאָגט איהר? ר׳ חיים בערעס, אַזאַ „תקיף אין מעמד״, אַזאַ שאַרפער הענדלער, אַזאַ ספּעקוליאַנט האָט אָנגעזעטצט.

— איך האָב פריהער געוואוסט, אַז אַזוי וועט זיין.

— קען מען היינטיגע צייטען געבען געלד אויף פּראָצענט?

— די בעסטע זאַך — אין דער אייגענער קעשעניע.

און ביז וואַנען אין קלעמענקע האָט זיך ניט געטראָפען קיין אינטערעסאַנטערע נייעס, האָט דער עולם אַלץ געשמועסט וועגען חיים בערעס און דער געוועזענער שענער בעל־הבית׳טע חשה׳ן.

נאָר אין קלעמענקע מאַכען זיך אָפט נייעסען; אין גיכען האָט זיך געטראָפען אַ מחלוקת וועגען שוחטים: קלעמענקע האָט פערוואָלט אַ דריטען שוחט, און אַ דאַנק דעם דריטען שוחט, וועלכען מען האָט אַראָבגעבראַכט פון מינסק, איז ר׳ חיים בערעס „אָנזעטץ״ פערגעסען געוואָרען; נאָר דאָס הייסט ניט, אַז מען האָט אידם ווייטער אָנגעהויבען „געטרויען״, ניין! אין קלעמענקע אַז מען זעטצט אָן איין מאָל איז שוין פערפאַלען! קיין בטוח וועט ער קיינמאָל ניט ווערען, אַפילו די קצב׳טע וועט אַ פונט פלייש ניט באָרגען איין „אָנזעטצער״. פערגעסען הייסט: מען האָט איהם אויפגעהערט צו געטרויען און אויפגעהערט צו רעדען וועגען איהם, און ר׳ חייב בערעס האָט זיך אָנגעהויבען צעהלען צווישען אַלע איבעריגע געפאַלענע בעל־בתים אין קלעמענקע.

אוודאַי איז עס אַ גרויסער „בראָך״ אַז די „ערשטע״ בעל־בתים ווערען די לעצטע, נאָר חיים האָט עס ניט אַזוי שטאַרק

געפֿיהלט, דעם כּבוד אין בית־המדרש האָט ער אַפֿילו ניט געהאַט ווי אַמאָל, אָבער דאָך „די שטאָט“ אין מזרח איז געבליבען דיזעלבע, ניט ווײַט פֿון רב, און אַ „מזרח וואַנד“ ייִדען און דעם רב׳ס אַ שכן וועט דער גבאי, ווי ער זאָל ניט זײַן קײַן גראָבער יונג, ווי ער זאָל זיך ניט וועלען רײַצען מיט אַ געוועזענעם שענעם בעל־הבית, וועט ער דאָך קײַן העזה ניט האָבען אויפֿרופֿען רביעי, צי, זאָל דער אויבערשטער אויסהיטען — אײַנם פֿאַר אַחרון. דעם זעלביגען שלישי פֿלעגט ר׳ חיים איצטער אויך האָבען, אמת, ניט אַזוי אָפֿט ווי אַמאָל!

פֿיהלען האָט שטאַרק געפֿיהלט איהר בראָך חשה. זי, חשה, די ערשטע בעל־הבית׳טע אין צדקה, אין יאַטקע, אין גאַס, איז נעבּיך אַזוי געפֿאַלען געוואָרען, אַז זי פֿלעגט שטילערהייט וויינען.

און פֿאַר וואָס זאָל זי ניט וויינען?

אַמאָל, אַז די צוויי שטאָדט גבאַי׳טעס, בײַלע־גיטע מיט חנה־לאה׳ן, פֿלעגען געהן איבער דער שטאָדט, פֿלעגט מען צום ערשטען אַרײַן צו איהר, און זי פֿלעגט זיי ערשטענס בעטען זיצען מיט אַ ברייטען מויל, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ געהויבענער בעל־הבית׳טע; צווייטענס פֿלעגט זי מיט נאָך אַ ברייטערען מויל פֿרעגען: אויף וועמען געהט מען דאָס? און אַז די גבאַי׳טעס פֿלעגען זי אָברופֿען אין אַ ווינקעל און אײַנרוימען איהר אין אויער: „פֿאַר יענקיל דעם מלמד; וואָס ווייסט איהר: זיי זיטצען שוין אַלטטאָג אָהן ברויט“ פֿלעגט זי דאַמאָלס ווי אַ ציטער טהון, מען זאָל זעהן וואָס פֿאַר אַ גוט האַרץ זי האָט און אַלץ מיט ברייטקייט. צוגעהן צום קאַמאָד און אַרויסנעהמען אַ גאַנצען פֿינפֿקאָפּעקענעם, און די ווײַבער פֿלעגען בלײַבען ווי פֿערשטאַרט און אײַנע פֿלעגט זיך אָפּרופֿען:

— מסתמא, אַז איך האָב געזאָגט מען זאָל אַרײַנגעהן פֿריהער צו חשה׳ן, האָב איך געוואוסט וואָס איך רעד.

און דערנאָך פֿלעגט זי אָנהויבען ווינשעווען:



— דער אויבערשטער זאָל העלפֿען. א. ז. וו. א. ז. וו.

פֿון דאָס אַלץ פֿלעגט חשה וואַקסען פֿאַר נחת און גדולה.

הײַנט — אויס כּבוד. אַז זי דערזעהט דורכ׳ן פֿענסטער די גבאַי׳טעס בעהאַלט זי זיך און הייסט די קינדער זיי זאָלען זאָגען: „ניטאָ די מאַמען אין דער היים“... און אָפֿטמאָל איז איהר פֿערשפּאָרט צו בעהאַלטען זיך: די גבאַי׳טעס ווײַלען אוים אין גאַנצען איהר הויז; צו חשה׳ן דער אַמאָליגער ערשטער בעל־הבית׳טע אין קלעמענקע געהט מען ניט אַרײַן נאָך אַ נדבה! און בײַ אַזעלכע פֿעלע ווײַנט זי ווי יום כּפּור צו נעילה...

נאָר נאָך מעהר ווערט פֿערגאָסען איהר בלוט ווי וואַסער, ווי זי דריקט זיך אַלײַן אוים, אין יאַטקע. האָטש זי נעהמט שטענדיג פֿאַר מזומנים, ווײַל באָרגען, ווייסט זי וועט מען איהר שוין ניט, נאָר דאָס „צונעהמען זי“ איז ניט וואָס אַמאָל, דער חלק איז גאָר איין אַנדערער, שוין לאַנג אַז מען האָט איהר קײַן שטיקעל „ריפּ“ ניט דערלעגט, קײַן פֿעטען בײַן, פֿון וועלכען דער טשאָלענט איז אַזוי געראָטען, נאָר עס געהט ניט אין דעם בײַן: חשה איז אַפֿילו אין די גוטע יאָהרען קײַן „פֿרעסערין“ ניט געוועזען, די געפֿאַלענקײַט — אָט וואָס איהר פֿערדריסט, אָט אויף וואָס זי ווײַנט!..

פֿון ברענגען אַהײַט דעם חלק פֿליישׁ רעדט מען שוין ניט! אַז חשה זאָל איצט אַפֿילו צעהן דאָנערשטאָגען ניט קומען אין יאַטקע וועט איהר די קצב׳טע אין שטוב ניט אַרײַנטראָגען. האָטש אין די „גוטע צײַטען“ האָט די קצב׳טע אויך פֿון איהר ניט געלעבט, ניט גליקליך געוואָרען, נאָר דאַמאָלס איז עפּיס אַנדערש געוועזען, דאַמאָלט איז אין שטעדטיל חשה געוועזען אַ גאַנצע סדרה, אָבער איצטער פֿאַר וואָס קומט איהר טראָגען נאָך אַהײם דעם חלק פֿלייש?

און עס האָט זיך טאַקע געטראָפֿען, אַז חשה האָט זיך איין מאָל אײַנגעשפּאַרט און ניט געוואָלט געהן אין יאַטקע, וואו איהר בלוט ווערט פֿערגאָסען...

— פֿון וואָס־זשע ווּעסטו מאַכען שבת? האָט איהר חיים געפֿרעגט.

— און פֿון פֿונט פֿלײש וואָס איך וויל נעהמען, מײנסטו, קען מען מאַכען שבת? האָט חשה זיך געקלאָגט, אַלץ אײן שוואַרץ יאָהר! עס וועט זײַן רעכט אַ מילכיגער שבת!

חיים'ען האָט אַפֿילו דער פּלאַן ניט געשמעקט, נאָר וואָס זאָל מען טהון, אַז עס זענען פֿאָרט אויסגעגאַנגען אַמאָליגע יאָהרען און ניט ווילענדיג האָט ער געזאָגט:

— מילא זאָל זײַן אַ מילכיגער שבת! ווּעסט בײַ מיר אַלץ פּועל'ן! עס איז אַפֿילו ניט אַזוי שען!

— קײנער וועט אונז ניט קוקען אין טאָפּ, האָט חשה איהם געטרײסט.

דער מילכיגער טשאָלענט, וואָס חשה האָט דעם ערשטען מאָל אין לעבען געשטעלט. די קאַרטאָפֿעל מיט פּוטער זענען גע־וועזען אײַנגעפּרעגעלט, און דער ריח האָט זיך געהערט שבת בײַ'ם טיש ווי פֿון די בעסטע געבראָטענס.

— גאַנץ גוט! האָט חיים געלויבט.

— דער זכות פֿון שבת! דאָט חשה דערקלערט.

און חשה, די ניט לאַנג געוועזענע שענע בעל־הבית'טע, וואָס איהרע טשאָלענטען האָבען געהאַט אַ שם אין גאַס, איז געוועזען צו־פֿריעדען פֿון דעם ערשטען מילכיגען טשאָלענט! איהר וואונדערט זיך? נאָר גלויבט מיר, אַז עס איז אַזוי! איהר דאַרפֿט וויסען, אַז בשעת חשה פֿלעגט אין די גוטע יאָהרען מאַכען גוטע טשאָלענ־טען מיט אַפֿולע פֿלײש, מיט אַ פֿעטען קוגעל איז דאָס געוועזען ניט דערפֿאַר, ווײַל זי איז אַ פֿרעסער'ן געוועזען, חלילה! די ליטווישע ווײַבער האַלטען ווייניג פֿון דער אכילה. דעמאָלט איז דאָס אויך געוועזען לכבוד שבת, אָבער אַז דערזעלבער טעם האָט דער מילכי־גער טשאָלענט, די קאַרטאָפֿעל מיט פּוטער, וואָס קאָסטען אַזוי ביליג



און צוליעב וואָס זי דאַרף ניט געהן שוואַרצען די אויגען אין יאַטקע, וואו אַמאָל פֿלעגט זי נעהמען דעם בעסטען „חלק פֿלײש” און הײַנט קען זי מעהר ניט נעהמען ווי אײן פֿונט, — הײַנט פֿאַר וואָס זאָל זי ניט זײַן צופֿרידען און דאַנקען גאָט?!

און אַזוי האָט חשה אַ גאַנצען האַלב יאָהר געמאַכט מילכיגע שבתים, און די קינדער און אַפֿילו חיים אַלײן פֿלעגען זיך ניט קענען אָבלויבען מיט דעם זיסען טעם פֿון דעם מילכיגען טשאָלענט.

נאָר אײן מאָל האָט זיך מיט'ן טשאָלענט געטראָפֿען אַ גרויס אונגליק, און חשה האָט זיך פֿערשאָלטען איהר לעבען.

בײַ חשה'ן אַלײן איז קאַליע געוואָרען דער אויווען, ער האָט געדאַרפֿט האָבען אַ קלײנעם רעמאָנט, וועלכער האָט געדאַרפֿט קאָס־טען ניט מעהר ווי פֿינף גילדען; פֿערשטעהט זיך, אין די גוטע יאָהרען, ד. ה. בשעת עס האָט זיך „געררודעלט”, וואָלט חשה גלײַך רופֿען אַ „מוליער” און וואָלט עס פֿעררירכט, אָבער איצטער, אַז עס איז זעלטען פֿאַרהאַן אַ גראָשען אין שטוב, קען מען זיך זומערצײַט בעגעהן אָהן אײן אויווען: וואַרימעס קאָכט מען אויף אויפ'ן פּריפּעטשיק און טשאָלענט „רוקט מען” בײַ אַ שכנה.

צײַט בײַ חשה'ן איז קאַליע געוואָרען דער אויווען „פֿעררוקט זי איהר טשאָלענט בײַ עטיל לײזער'ס, אויך אַפֿילו ניט קײן נגידת'טע, נאָר אַנ' אויווען האָט זי גראָד אַ גוטען, אַלע שכנים פּרעגלען בײַ איהר אויף יום טוב „יאָרערליך” און נאָך אַזעלכע מיני יום־טוב'דיגע כבודים, וואָס ניט יעדער אויווען טױג דערויף, די גאַסיגע ווײַבער קענען זיך פֿון דעם אויווען ניט אָבלויבען: ערשטענס איז ער די גרויס ווי אַ „פֿעלד”, און צווײטענס האַלט ער „היטץ”. וועגען עטיל'ס אויווען דערצעהלט מען זיך אָן אין גאַס חדושים: אײן מאָל בשעת עס איז געוועזען דער גרויסער עכוב־הקריאָה און מען האָט זיך אין בית־המדרש געשלאָגען ביז פֿאַר נאַכט, אַז וואַרימעס האָט מען געגעסען, בשעת מען האָט

געדאַרפט עסען שלש-סעודות, און ביי אַלעמען איז פון די טשאָלענטען „אַש" געוואָרען, ד. ה. קאַלט ווי אייז, און יעדע פרוי האָט געשאָלטען דעם גבאי פון בית-המדרש, אַז פון איהם זאָל ווערען וואָס עס איז געוואָרען פון „טשאָלענט", אַפילו דאַמאָלס, איהר פערשטעהט, אין אַזאַ עת-צרה, זענען די טשאָלענטען, וואָס זענען געשטאַנען ביי עטלען אין אויווען, געווען היים ווי פייער און פון עטילס טשאָלענטען וועגען האָט מען זיך נאָך געקענט שלאָגען אין בית-מדרש ביז נאָך מעריב, וואָלט אויך קיין ביין ניט געווען.

נאָך אַ מעשה דערצעהלט מען וועגען עטיל'ס אויווען, אַז איין מאָל האָט דער אויווען געהאַלטען אַזאַ היטץ, אַז איין שכנה'ס אַ טשאָלענט האָט „געקאָכט", ביים אַרויסנעהמען, איהר פערשטעהט, אום שבת „געקאָכט", די שכנה איז געווען אויסער זיך פון שמחה, דער טשאָלענט איז אַזוי געראָטען, נאָר די שמחה האָט איהר געקאָסט נענוג געזונד: נאָך אַ שכנה איז דערביי געשטאַנען און זעהענדיג ווי דער טשאָלענט קאָכט אַזוי, האָט זי אַ פּאַטש געטהון מיט די הענד און האָט אַ געשריי געטהון:

— אַ קויל איז מיר! איהר האָט אַ „שאלה".

— ווי הייסט? איז יענע געבליבען אַ טויטע.

— וואָס, איהר מאַכט זיך צום נאַר? אָדער איהר זענט אַ גויה? איהר זעהט ניט אַז אייער טשאָלענט „קאָכט" אַזוי ווי מען וואָלט איהם ערשט היינט פעררוקט. לויפט גיכער צום רב און פרעגט.

נאָך אַ פּאָר שכנות, וועלכע זענען אויך געקומען נאָך זייערע טשאָלענטען האָבען פאַרטאַקעוועט און דערצעהלט אַ מעשה, ווי אַזוי ביי חיענע שרה'ס איז אַזוי אַמאָל טרייף געוואָרען אַ טשאָלענט: ער האָט זעהר געקאָכט.

די שכנה, צו וועלכער דער טשאָלענט האָט געהערט, איז נעביך ניט טויט ניט לעבעדיג אַוועקגעלאָפען צום רב: נאָר אַ דאַנק דעם רב'ס ליעבשאַפט צום שבת, האָט ער זיך געסאַטערט ווי



ווייט מעגליך איז כשר מאַכען, און גראַבלענדיג זיך אַ היבשע צייט אין „שאלות ותשובות" האָט ער דעם טשאָלענט כשר געמאַכט.

אָט ביי דער עטלען האָט חשה די לעצטע צייט איהרע מילכיגע טשאָלענטען גערוקט, און אויך דאָ האָט איהר דאָס גרויס אומגליק געטראָפען און זי האָט אַ פערשטערטען שבת געהאַט; איהר שטיקעל שטאָלץ, וואָס איז נאָך געבליבען פון די פאָריגע גוטע יאָהרען איז אין גאַנצען פערבראָכען געוואָרען, און זי, חשה די ערשטע בעל-הבית'טע אין גאַס, איז אַזוי געפאַלען, אַז אַפילו פריידע-שלמה'ס די אָרימסטע פרוי אין גאַס, האָט איהר בעדויערט.

— אָט וואָס פון אַ מענשען ווערט! אַ מוסר אַראָבצונעהמען, ס'טייטש! חשה זאָל פערשטערען אַזוי שבת און אָבקומען מיט מילכיגע קאַרטאָפלעס אין טשאָלענט.

דערגאַנגען זיך איז מען אַזוי: ערשטענס זענען בכלל ביי ווייבער קיין סודות ניטאָ, ווי מען זאָל זיך ניט באַהאַלטען מיט דער אָרימקייט ווייס יעדע שכנה וואָס די אַנדערע קאָכט, נאָר חשה וואָלט פון דעסטוועגען נאָך קענען באַהאַלטען איהר אָרימקייט אויף אַ קורצע צייט. ווען ניט די סבה וואָס איהר האָט זיך געטראָפען. איינע אַ יונגע ווייבעל, וועלכע איז ערשט אַראָב פון קעסט און וועלכע איז נאָך ניט געווען געניט אין עטיל'ס אויווען און אין אַלע טשאָלענט טעפּ, וואָס זענען דאָרטען געשטאַנען, האָט פערביטען איהר טשאָלענט אויף חשה'ס. בכלל זענען אַלע טשאָלענט טעפּ עהנליך איינער צום אַנדערען, גלייך פערשמאָלצען, און מבדיל זיין אין איין אויווען פון אַ טאָפּ צו אַ טאָפּ דאַרף מען זיין אַ גרויסע בריה. און די יונגע ווייבעל, וועלכע איז נאָך ניט געווען קלאָר אין די טעפּ, האָט אַרויסגענומען חשה'ס טשאָלענט און אַוועקגעטראָגען. אין דער היים האָט זי אויפגעהויבען דאָס דעקיל און געוואָלט זעהן צי עס איז געראָטען, צי ליגט דער קוגעל אין גאַנצען צי זענען ווייך געוואָרען די ביינער און נאָך אַזעלכע

בעטראכטונגען. נאר שטעלט זיך פאר איהר וואונדער, אז אנשטאט וואס זי האט פערקאכט רעטשקענע קאשע, האט זי דערזעהן קארטאפעל, אנשטאט א קוגעל האט זי גאר נישט געפונען, דאס גלייכען אנשטאט ביינער און א פאר לאקשען פלייש,

אין א האלבע שעה ארום דאט שוין די גאנצע גאס געקאכט פון דעם נייעס.

ביי חשה'ן איז געווען א פערשטערטער שבת. זי האט זיך לכתחלה געוואלט אבלייקענען פון טשאלענט, נאר דערמיט האט זי נאך ערגער געמאכט – די ווייבער פון גאס האבען זי געטרייסט אז עס טרעפט אזוינע אונגליקען, מען פערשטעהט אז זי, חשה, האט ניט געמאגט צונעהמען דעם פליישיגען און לאזען דעם מילכיגען, ווייל אלע ווייסען, אז זי איז א טייערע יידענע און מען געדענקט נאך די אמאליגע צדקה איהרע, די אמאליגע שבתים, נאר, די אלע נחמות האבען נאך איהר מעהר געשניטען דאס הארץ. און זי האט ביטער געוויינט.

– דו ביזט עס ווערט! האט זי חיים געשטראפט אנשטאט טרייסטען – מיט ארימקייט דארף מען זיך ניט שעמען, ווארום וואס מען שעמט זיך מעהר איז אלץ קענטיגער די ארימקייט, וואלסטו מאכען שבת ווי אלע ווייבער מיט א שטיקעל פלייש, ניט שעמען זיך געהן אין יאטקע, וואלסטו ניט האבען אזא פערשטערטען שבת.

חשה האט ניט געענפערט, זי האט נאר שטיל געוויינט, נאר ניט סתם געוויינט, נאר ביי'ם „טייטש=חומש" ס'איז גראד געווען שבת חזון.

גוט נאך וואס איך האב אין די גוטע יאהרען געקויפט א טייטש=חומש! דאנקט זי גאט און נעהמט זיך געשמאק צו לייענען און נאך געשמאקער צו וויינען!